# ישראל שטערן — אַ „סוד צווישן סודות״

ער האָט געזוכט צו דערגרונטעווען זיך צום סאַמע דנאָ פונעם מענטש און ווי אַ דיכטער איז ער אַרומגעגאַנגען מיטן בלוטיקן פרעגצייכן אויף די ליפּן.

די דיכטונג קומט סטיכיש פון דער נשמה דורך התגלות. עס קומט, לויט ישראל שטערנס אַ באַצייכענונג, „מיט דימענט־שאַרפע בליקן, דורך וועלכע עס ווערן אין די שויבן פון דערשיינונגען לעכער און ווונדן״. די דיכטונג נייטיקט זיך, פונקט ווי רעליגיע און ליבע, אין דעם עלעמענט פון מיסטעריע. ווער עס פּרוווט צו פּרעציזירן דעם מיסטעריעזן עלעמענט, זוכנדיק ווערטערלעך צו דעפינירן די נשמה פון דיכטונג — איר טיפערן מהות — הערט פאַר אים די דיכטונג אויף צו עקזיסטירן.

ישראל שטערן האָט אין דיכטונג געשפּירט מער רמז ווי פשט. ווייל אויב מיר וואָלטן טאַקע גרינטלעך פאַרשטאַנען און געוווּסט דער סוד ווי אַזוי און פאַר וואָס, וואָלט עס נישט ווערט געווען צו שרייבן און לייענען. דעריבער איז דיכטונג אַ געוויסער טראַנסצושטאַנד פון פּאָעטישער געניט־שאַפט, וואָס לעכצט דורך דער פאַרמיטלונג פון וואָרט און באַשטימטע צייכנס פון דער פיזישער וועלט אַרויפצוצי׳ען אַ ניי לעבן אויף אַן אַלטס, צו שאַפן אַ נייע וועלט, וואָס קען נישט געזען ווערן דורך אַנדערע ביז עס באַקומט נישט אַ קינסטלערישע געשטאַלטיקונג.

גרויסקייט און קונסט איז אומדענקלעך אָן ריזיקע, אָן קרבנות פון דער נשמה. דער פראַנצויזישער פּאָעט מאַלאַרמע האָט באַטאָנט, אַז דער פּאָעט דאַרף עטלעכע מאָל שטאַרבן, כדי געבוירן צו ווערן. עס איז אָבער מער טראַגיש ווען דער פּאָעט שטאַרבט נישט עטלעכע מאָל, נאָר שטאַרבט מיט אַ טויזנט קליינע טויטן. דאָס האָט דורכגעלעבט ישראל שטערן אין זיינע אַליין־פּייניקונגען, אין זיין אומפשרהדיקן פּראָטעסט קעגן אַלץ און אַלע־מען; אין זיין צאָרן צו טראָגן די לאַסט פון מענטש־זיין, „ווייטיקן מיט אַלע און אומגליקלעך זיין דורך דעם געוויין פון אַלע״.

ער האָט געלעבט יאָרן־לאַנג מיט די שאָטנס פון טויט און נישט נאָר געזען זיי פון דער ווייטנס, נאָר אויך לעבן זיך, ווי ער וואָלט זיי באַרירט

מיט די פינגער. אין זיינע לידער הערט זיך דאָס קלאַפּן פון רויבער־פייגל מיט זייערע צעשפּרייטע פליגל. ער זוכט אָפט אַ באַשייד פון דער אייביקער שאלה און מיסטעריע, וואָס שטייט אינעם צענטער אי פון תנכישן איוב־בוך, אי אין דעם פּראָלאָג פון פאַוסט: וואָס איז דער זינען פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ, וואָס ווערט באַגלייט פון אַזוי פיל פּיין און יסורים?

ישראל שטערן האָט דעם גורל פון מענטש טייל מאָל געהאַלטן ערגער אַפילו ווי דעם גורל פון דעם שטיין, סלופּ און טראָטואַר. ער האָט מקנא געווען די פיש אין וואַסער, וואָס פילן נישט קיין איינזאַמקייט, ווייל מענטש — איז אַן איינזאַמע בריאה! און דער אומעט פון אַליין־זיין — דאָס טרעפט נישט נאָר אין דער וויסטעניש, נאָר אויך אין דעם הו־האַ־טומל פון גרויסשטאָטישן לעבן — האָט פאַרצערט זיין געמיט און אָנטפּלעקט פאַר אונדז זיין צער:

דעכער האָבן נישט ווו זיך באַהאַלטן
און רייסן פון זיך שטיקער,
וואַרפן קרבנות דעם שטורעם...
און דאָס האַרץ — פאַרמאַך די פענצטער!
— —
ווי קאָן מען אַליין זיין?
דער שטורעם איז דאָ, און דער מענטש איז אין שטורעם,
און דער מענטש איז זיך ווייט
ווי וואָלקן — פון הימל...
— —
ווי קאָן מען אַליין זיין און ריין זיין און טיף זיין,
צום זאַמדיקן ראַנד שרייט דער קרישטאָל
פון אַ טייך, ווו אַ מענטש שטייט און וויינט
אים קנאה צו די פיש...

(„פאַרמאַך די פענצטער" *).

*) די און די וויטערדיקע ציטאַטן זענען פון דעם בוך „לידער און עסייען" פון ישראל שטערן, צונויפגעשטעלט פון ה. לייוויק — און אַרויסגעגעבן פון „ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק" ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

ישראל שטערן האָט אין דיכטונג געזוכט דעם העכסטן תּכלית־באַוווּסט־זיין. ער האָט געשפּירט דעם טיפן צאַפּל פון זיין נשמה, וואָס רייסט זיך צו הייכקייטן, לעכצט נאָך געלייטערקייט און התרוממות — דאָרטן, ווו אַלע גרויסע מרחקים קנוילן זיך צונויף, און אויף דעם אָרט ווערט באַרגיק, הויך און העכער — דער מענטש ווערט העכער און די וועלט — שענער.

פאַר יעדן עכטן קינסטלער איז די רעאַליטעט פון דער וועלט, אין וועלכער ער לעבט, — אַ קאָנווענציאָנאַלע און פאַבריצירטע. זיין אייגענע שאַפונג, זיין וויזיע פון דער וועלט, איז פאַר אים די עכטע אויטענטישע וואָר פון אַ באַזונדערן אוניווערס, אין וועלכן ער פּרוּווט זיך אַליין קאָנ־סטרויִרן. ביים לייענען פּאָעזיע, אויב מיר ווילן דורכלעבן אַ פולע פּאָעטישע דערפאַרונג, מוזן מיר שפּירן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן דיכטער, דעם צאַפּל זיינעם. ווייל דיכטונג באַפרייט נישט נאָר די פאַנטאַזיע פון פּאָעט, נאָר אויך פונעם לייענער. דאָס קאָן נאָר געשען אויב דער דיכטער פאַר־מאָגט אַזאַ כּוח וואָס צווינגט דעם לייענער אויפצונעמען דעם קינסטלערישן אמת ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ פענצטער, דורך וועלכן דאָס ליכט פון אַ נייער רעאַליטעט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט.

ישראל שטערן האָט פאַרמאָגט אין זיך די קינסטלערישע גבורה צו באַצווינגען דעם לייענער צו גלייבן אין דער הייליקייט פון זיין דיכטערישן אמת, צו גלייבן אין דער אַנטפּלעקונג פון זיין באַהאַלטענעם „איך" — די אַנדערע פּערזענלעכקייט וואָס ער איז! און זיין באַהאַלטענער „איך" האָט „געגאַרט, אַז יעדער מענטש זאָל זיין אַ כּהן־גדול, יעדער טאָג — יום־כּיפּור און יעדער שפּאַן ערד — אַ קדשי־קדשים!" ער האָט גוט געקענט דאָס פּראָזאַישע לשון פון דער רעאַלער וועלט. אָבער פאַר אים איז דער עיקר נישט געווען דאָס וואָס רופט זיך רעאַל לעבן! זיין אויג האָט געזוכט דאָס וואָס איז אַרום, איבערן, און נאָכן לעבן.

דעם דאָזיקן סוד זוכט אויך רעליגיע צו גלייך מיט קונסט און דיכטונג. זיי האָבן אונטער זייערע פליגל דעם נס פון גלויבן און מאַכן גלייבן — אָבער מיט איין אונטערשייד: גלויבן געהערט צו דער טעאָלאָגיע און מאַכן גלייבן — דער קונסט.

דער עכטער קינסטלער פאָרשט, פרעגט זיך אַליין, צי זיין שאַפונג איז עפּעס אַ נייער אופן פון זען, פון הערן און שפּירן אָט די שעפערישע אָריגינאַליטעט, וואָס כאַפּט אויף און רעאַגירט אויף צייטשטימונגען, וועלכע

ווערן לעת־עתה נאָר אויף דער העלפט געשפּירט אָדער אויפגענומען אין באַוווּסטזיין. די דאָזיקע אָריגינאַליטעט האָט דער נישט לאַנג פאַרשטאָר־בענער דיכטער ט. ס. עליאָט באַצייכנט ווי אַ סייסמאָגראַפישע. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ צווייטע שעפערישע אָריגינאַליטעט, וואָס ווערט נישט באַאיינפלוסט פון צייטשטימונגען, נאָר בלויז פונעם קינסטלערס אינדי־ווידואַליטעט, פון זיין אומאָפּהענגיקן סענסועלן, עמאָציאָנעלן און גייסטיקן לעבן.

ישראל שטערן האָט געהערט צו די קינסטלערס, וואָס לאָזן זיך נישט באַאיינפלוסן פון צייטמאָטיוון — פון מאַסן־עמאָציעס, וועלכע קענען אפשר צייטנווייז באַלזאַמירן טיפע ווונדן, אָבער זיי פאַרטיליקן דערמיט דעם קינסטלערס אינדיווידואַליטעט.ביים לייענען זיינע לידער שפּירט מען, אַז ער איז אַ דיכטער פון זיין צייט און גלייכצייטיק — קעגן איר. זיין שעפערישער גייסט האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון־הנפש פון זיין ירושה, פון זיין אַנגעהעריקייט צום עבר, אָבער אויך פון זיין גורל און דיכטערישער פונקציע אַרויסצוברענגען דורך פּאָעטישע אינסטרומענטן פון אימאַזש, ריי־טעם, קלאַנג און אַסאָציאַציע, זיינע עמאָציאָנעלע און גייסטיקע טיפענישן. אין די דאָזיקע מעמקים האָבן גענעסטיקט ספיקות, זוכענישן, אומרו און הע־כערער תכלית. ער איז הימל־ווייט געווען פון די שרייבערס וואָס ברענגען דעם לייענער שלאָפּפּילן, כלאָראָפאָרם איינצושלעפערן זיין געמיט, געדאַנק און געוויסן.

ישראל שטערן איז אין קונסט נאָכגעגאַנגען פּרצעס אָנזאָג, אַז אויף יידיש איז דאָס דיכטערישע וואָרט — נישט קיין וואָרט וואָס ווערטלט זיך, נישט קיין מיטל אָפּצוטייטן די גודנע צייט: „נישט קיין שפּיל איז דאָס וואָרט, עס איז, עס מוז זיין אונדזער וועלט־אַנשויונג, אונדזער רעליגיע, אונדזער געוויסן".

ווען מען לייענט ישראל שטערנס אויסגעצייכנטן פּרק־עסיי, שפּירט מען זיין פאַרליבטקייט אין פּרצעס קינסטלערישער פּערזענלעכקייט און אין זיין גייסטיקער ירושה. ווער נאָך, ווי ישראל שטערן, האָט געקענט אַזוי תמימותדיק גלייבן אין דער קדושה און שליחות פון קונסט און דיכטונג און זיי אַנטקעגנשטעלן דער טומאה פון רעאַליטעט: „אויב רעאַליטעט איז אַ זעכציקסטל חלק פון טיול און טומאה, איז דיכטונג אַ זעכציקסטל חלק פון קדושה".

★

איך טראַג שוין צענדליקער יאָרן אין מיין געמיט און זכרון ישראל שטערנס אַ פּאַרטיפּטן פּאַטעטישן פּאַרטראַג אין מיין געבוירן־שטאָט אָסטראָ־לענקע. ס׳איז געווען ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען איך בין נאָך געווען זייער יונג און אַרויפגעקוקט צו אַ דיכטער מיט פראַווינציעלער התפעלות און תמימות. נאָך מער איז געווען די באַגייסטערונג, ווען דער דיכטער איז אַ בן־עיר, און זיינע לידער האָבן מיר, אָסטראָלענקער יוגנט, כמעט געקענט אויף אויסנווייניק. באַזונדערס האָבן מיך אינטריגירט די פאַרשיידענע ווערסיעס פון ישראל שטערנס התנהגות: אַז ער פאַרשווינדט אויף לאַנגע וואָכן אין התבודדות, אַז ער איז געוואָרן פרום און זיך פאַר־בונדן מיט מוסרניקעס, פאַרברענגט מיט די בראַצלאַווער חסידים אין זייער שטיבל און לערנט דאָרט מיט התלהבות.

די פאַרלעזונג איז פאָרגעקומען אין אַ יום־טובדיקן טאָג אין דער פּרץ־ביבליאָטעק און לויט אונדזער מנהג פלעג איך אין דער פרי אַרויס־קומען צום גאַסט זיך דורכריידן. איך בין נישט געווען איבערראַשט, ווען כ׳האָב אים געטראָפן דאַווענען מיט טיפער כוונה. דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן דעם אויסדרוק פון זיין ברייטן פנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר טרויעריקע, פרעגנדיקע אויגן, הגם עס איז געווען אַ זומערדיקער, זוניקער פרימאָרגן — אָבער קוקנדיק אויף אים האָב איך געשפּירט עפּעס אַן אומהיימלעכקייט פון שאָטנדיקע מיס־טעריעס.

גלייכצייטיק האָב איך אויף זיין פנים געזען אַ מין בין־השמשותדיקע פאַרבענקטשאַפט נאָך עפּעס וואָס נאָגט אינעווייניק. עס איז מיר בעת־מעשה געקומען אויפן געדאַנק זיין ליד „פאַרנאַכטן" און כ׳האָב שטיל פאַר זיך אַליין, אָנגעהויבן ציטירן:

פאַרנאַכטן זענען אויגן פון שטילע משוגעים.
פאַרנאַכטן זענען בריוו געשריבן און צעריסן:
עפּעס ווערט לייכטער און עפּעס גייט אונטער...

ישראל שטערן האָט באַמערקט, ווי מיינע ליפּן באַוועגן זיך און ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן:

— איר ווילט מיר עפּעס זאָגן ?

— ניין, — האָב איך געענטפערט — איך וויל זיך דערמאָנען איין פערז פון אייער ליד „פּאַרנאַכטן".

— איר האָט געלייענט מיין ליד ? — האָט ער מיט שטוינונג געפרעגט.

— יאָ, און אַפילו עס געקענט אויף אויסנווייניק — האָב איך מיט שטאָלץ געענטפערט, און האָב גלייך אויפן אָרט אָנגעהויבן ציטירן די אַנדערע פערזן.

שטערנס אויגן האָבן זיך צעשמייכלט:

— אַן אייגנגענעמע איבעררעשונג — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן — יוגנט פון מיין געבוירן־שטאָט לייענט מיינע לידער און זיי אויף אויסנ־ווייניק אויסגעלערנט. געטראַכט, אַז ס'האָט זיך דאָ גאָרנישט נישט געענ־דערט זינט איך בין אַוועק — — קומט נאָך אַריין צו מיר פאַר דער פאַרלעזונג.

מיר האָבן שפּעטער געשמועסט וועגן זיינע פּאָעמעס „פרילינג אין שפּי־טאָל" און „אפרים גאָלדברוך" און דערנאָך האָב איך אים געפרעגט:

— פאַר וואָס שפּיר איך אין אַ טייל פון אייערע לידער אַזאַ מין אומ־היימלעכקייט ? פאַראַן אין זיי אַזאַ טרויער, ווי די שאָטנס פון טויט וואָלטן געשטאַנען ביי זיי צוקאָפּנס... זיי זענען בילדעריש, אָבער וואַרפן אַן אַן אימה אויף אונדזערע שיינע, טרוימערישע, זומערדיקע פאַרנאַכטן — פאַר וואָס זעט איר אַזוי טראַגיש ?

— הערט מיך אויס, מיין יונגער בן־עיר, — האָט שטערן מיר אָפּגע־ענטפערט — צי ווייסט איר, וואָס דיכטונג באַטייט אין טיפערן זינען ? ווען אַלע געניסן פון אָפּרו מיט פאַרריגלטע ווי'עס, איז דער דיכטער וואַכזאַם, מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, אויפצוכאַפּן די דינע קולות, וואָס קומען ערגעץ פון דער ווייטער נאַכט אַריין.

ער איז שטיל געוואָרן. זיך פאַרטראַכט און באַלד צוגעגעבן:

— איר ווייסט וואָס פּעטער אַלטענבערג האָט געזאָגט וועגן דיכטונג ? „פון אונדזערע טרערן ווערן לידער". איר האָט פרי'ער דערמאָנט מיין ליד „פּאַרנאַכטן". טאָג־שטימונגען ווירקן אַנדערש. אַ וואָרט ביי טאָג איז ווי אַ צייכן אין זאַמד. עס פאַרשווינדט, פאַרלעשט זיך, פאַרגעסט זיך. אין די אייגעהאַלטענע שעהען פון טיפן ביינאַכט, ווען די וועלט שטייט

שטיל, אומבאַוועגלעך און פינצטער, ווי אַ שוואַרצער טאָפּל — איז אַ וואָרט ווי אויסגעשניטן מיט אַ מעסער אין טאָפּל. איר האָט עס לאַנג פאַר די אויגן.

די פאַרלעזונג זיינע איז געווען וועגן י. ל. פּרץ. אָנגעהויבן האָט ער מיט די ווערטער, אַז פּרץ האָט געהערט צו די גרויסע קינסטלערס, וואָס בלייבן אייביק הונגעריק נאָך גאָט... ער האָט געזוכט די בריק, וואָס דערנענטערט צו אים, במילא צום מענטש. נאָך די עטלעכע זאַצן האָט ער זיך פאַרטראַכט און באַלד אָנגעהויבן — ווי רעדן צו זיך אַליין וועגן „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק". דאָס ריידן איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ ביסל צוגעזונגען, באַזונדערס ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם שפּאַציר פון די טויטע, וועלכע וואַכן איבערן לעבן.

פאַר מיר איז אָבער געווען כאַראַקטעריסטיש, וואָס ישראל שטערן האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דער טעמע וועגן ביי טאָג־ און נאַכט־שעהען, ווי ער וואָלט אויף דער פאַרלעזונג צוריק פאַרקניפּט דעם פריִערדיקן איבערגעריסענעם שמועס מיט מיר וועגן זיין ליד „פאַרנאַכטן"; ווייל איך האָב געפירט דעם פאַרזיץ, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר און נישט צום עולם אין זאַל.

אין דעם הו־האַ פון בייטאָגיקן ליאַרעם — האָט ער איינגעטענהט צו מיר — ווען מענטשן שיינען צו זיין וואַך, זענען זיי פאַקטיש גאָרנישט נישט. ביי נאַכט, ווידער, ליגן די זעלבע מענטשן מידע, פאַרמאַטערטע, און אַפּט אויך דערשלאָגענע, נאָך אַן אומגעראַטענעם יאַריד ביי טאָג, און אַנטדעקן גאָרנישט. ערשט ווען זיי שלאָפן איין, דערזעען זיי אין חלום דאָס נישט־אַנטדעקטע. אין באַוווסטלאָזיקייט דערפילן זיי עפּעס העכערס, וואָס איז אַזוי ווייט פון טאָג־טעגלעכן ליאַרעם.

אויך דער קינסטלער, דער דיכטער, כאָטש ער איז אויך ביי טאָג נישט אין דער מיט פון ליאַרעם, דערהערט ער ערשט פאַר נאַכט און ביי נאַכט דעם שלוכץ אין בלאָען חושך, דעם בת־קול: „וויי צו מיינע קינדער, וואָס זענען נאָך פאַרטריבן פון מיר און פון זיך... און קיין טרייסט איז נישטאָ — ווי לאַנג נאָך, ווי לאַנג נאָך?".

אין מיטן ריידן איז ער אַריבער צו פּאָעטישער אימפּראָוויזאַציע וועגן דיכטונג וואָס איז די בריק פון מענטש צו מענטש, דרינגט אַריין אין די טיפענישן פון מענטשישן „איך", דאָרטן וווּ עס קומען פאַר ציטערנישן, ראַנגלענישן, דערלייכטערונגען. עכטע דיכטערישע שאַפונגען זענען אומ־

געפעלשטע דורכגעוויטיקטקייטן, באַהויכט מיט רעליגיעזיטעט און באַ־פאַרבט מיטן בלוט פונעם קינסטלער.

נאָכן פאַרטראַג האָט מען, ווי דער מנהג איז געווען אויף דער פּראָ־ווינץ, אָנגעהויבן פון עולם שטעלן פראַגעס. איין פראַגע איז געווען וועגן... שונד. אויף אַנדערע פראַגעס האָט ער געענטפערט קורץ, נאָר אויף דער לעצטער האָט ער געענטפערט מיט אַ רעדע, וואָס איז פול געווען מיט הומאָר און סאַטירע, עפּעס ווי עס וואָלט גאַרנישט גערעדט דער זעלבער פּרעלעגענט, נאָר אַן אַנדערער — אַ גלענצנדיקער פעליעטאָניסט און סאַטיריקער.

*

ישראל שטערן האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער סופרישער משפּחה אין אַסטראָלענקע, אַ שטוב וווּ דער ביטערער דלות האָט געבלאָזן פון יעדן ווינקעלע. זיין מאַמע — אַן אלמנה פון אירע יונגע יאָרן — האָט זייער שווער געהאָרעוועט צו געבן אירע בײדע ייִנגלעך אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג. ישראל, דער בכור, האָט מיט זיין שאַרף גמרא־קעפּל אָנגעזאָגט, אַז ס׳וואַקסט אַן עילוי, דער „מאי קא משמע לן״ איז אויך אַריין שפּעטער אין זיין דיכטונג. אַפילו מיט דעם צווינגען אַ גמרא־ניגון בעתן רעדן און מיט אַנדערע תנועות פון אַ ישיבה־בחור האָט ער זיך קיין מאָל נישט צעשיידט.

פאַריתומטקייט, עלנט, ביטערע אָרעמקייט, וואָס האָבן פון זיינע קינ־דעריאָרן אַן באַגלייט אים דאָס גאַנצע לעבן, האָבן באַקומען אַ פּאַטעטישן אויסדרוק אין זיינע לידער, אין וועלכע אַ קליינע דאָזע שפּילעוודיקייט איז זיך מצטרף מיט אַ גרויסער דאָזע צאַרטן טרויער.

אַ יתומל לאָכט אין צעריסענע בגדים,
שרעקט זיך און לויפט איבער גאַסן און געסלעך.
האָט עפּעס געגנבעט
יאָגט מען אים נאָך.
ער טאַנצט דורך אַ פּאַרקאַן. קוקט זיך אַרום:
אַ שטאַל, אַ קאַלב, אַ קאַלב מיט צוויי אויגן;
זיי, דאַכט זיך, דערציילן: די קו איז נישטאָ,